משום כלתו ומשום אשת איש. בין בחיי בנו ובין לאחר מיתת בנו. בין מן האירוסין בין מן הנשואין. הבא על [ל] הזכור ועל הבהמה. והאשה המביאה את הבהמה עליה.[מ]אם אדם חטא בהמה מה חטאה. אלא לפי שבאת לאדם [נ] תקלה על ידה: לפיכך אמר הכתוב תסקל. ד"א שלא תהא בהמה עוברת בשוק ויאמרו זו היא שנסקל פלוני על ידה: ה המגדף אינו חייב עד [ס] שיפרש השם. א"ר יהושע בן קרחה בכל יום דנין את העדים בכינוי יכה יוסי את יוסי. נגמר הדין לא היו הורגים בכינוי, אלא מוציאים כל אדם לחוץ ושואלים את הגדול שבהן ואומרים לו [ע] אמור

(ז) כלומר דקיחה זו לאו קיחת מוסה היא אלא קיחת קדושין כסף דגמיר משדה עפרון: [ל] הזכור. פירוש למאי נ"מ נקט ליה הכא: [מ] אם אדם כו'. אף על פי שלא נהנה מפירש כשנהנתה שהבהמה נהרגת מ"מ נראה מה שנענש שהבהמה עמה בעבירה שלא למרבוס אלא ממה שהבהמה נסקלת (כדאי' בגמ') שייך שפיר למתני' פה דאם אדם חטא כו': [נ] תקלה. מכשול עון, רש"י: [ס] שיפרש. שיזכיר את השם. א"נ אם לא הוציא שם מפיו אלא שמע שם יוצא מפי אחר וברכו פטור: (ח) ובגמרא ילפינן דהאי נוקב לישנא דברוכי הוא, ועתוי"ט: (ט) כ"ז כתוב בפרש"י וגי' הר"מ שם בן ד' אותיות אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד ויש מי שמפרש שאינו חייב אלא על שם הוי"ה, ואני אומר שעל שניהם הוא נסקל. ועתוי"ט: [ע] אמור כו'. בירושלמי פריך ואמרינן ליה גדוף ומשני אלא אומר

---

האט איין אַנְדֶער מאן] חַיָּב עָלֶיהָ דאַרְף עֶר בְּרֵיינְגֶען צְווייא קָרְבָּנוֹת, ווייל עֶר האָט גִיטָאהן צְווייא עֲבֵירוֹת מִיט איין מָאהל מִשּׁוּם כַּלָּתוֹ ווייל זיא איז זַיינֶע אַשְׁנוּר וּמִשּׁוּם אֵשֶׁת אִישׁ אוּנ ווייל זיא האָט אַמאן בֵּין בְּחַיֵּי בְנוֹ בֵּין לְאַחַר מִיתַת בְּנוֹ סייא זיין זוּהְן לֶעבְּט, אוּנ סייא זיין זוּהְן איז גִישְׁטָארְבִּין, הייסְט זיא אַלְץ אַשְׁנוּר בֵּין מִן הָאֵירוּסִין בֵּין מִן הַנְּשׂוּאִין סייא דֶער זוּהְן האָט אִיהר נָאר מְקַדֵּשׁ גִיוֶועִן, אוּנ סייא דֶער זוּהְן האָט מִיט אִיהר חֲתוּנָה גִיהַאט, הייסְט זי אַלְץ זיין שְׁנוּר הַבָּא עַל הַזָּכוּר אַז אייגֶער האָט מְזַנֶּה גִיוֶועִן מִיט אַזָכָר [עתי"ט] וְעַל הַבְּהֵמָה אַז אַמֶענְטְשׁ אַזָכָר האָט מְזַנֶּה גִיוֶועִן מִיט אַבְּהֵמָה אַנְקֵבָה, דאַרְף מֶען פַאר שְׁטֵיינֶען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִיא בְּהֵמָה וְהָאִשָּׁה הַמְּבִיאָה אֶת הַבְּהֵמָה אָדֶער אַאִשָּׁה האָט גִיבְּרַאכְט אַבְּהֵמָה אַזָכָר אוֹיף זִיךְ אוּנ דִיא בְּהֵמָה האָט מִיט אִיהר מְזַנֶּה גִיוֶועִן, דאַרְף מֶען אוֹיךְ פַאר שְׁטֵיינֶען דִי אִשָּׁה מִיט דִי בְּהֵמָה, פְרֶעגְט דִי מִשְׁנָה אִם אָדָם חָטָא אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ האָט גֶעזִינְדִיגְט בְּהֵמָה מַה חָטְאָה וָואס הָט דִי בְּהֵמָה גֶעזִינְדִיגְט פַאר וָואס זָאל מֶען דִי בְּהֵמָה פַאר שְׁטֵיינֶען, עֶנְטְפֶערְט דִי מִשְׁנָה אֶלָּא לְפִי שֶׁבָּאת לְאָדָם תַּקָּלָה עַל יָדָהּ נָאר ווייל אַמֶענְטְשׁ איז גִישְׁטְרוֹיכֶעלְט גֶעוָוארִין [עֶר האָט גִיטָאהן אַעֲבֵירָה] דוּרְךְ דִי בְּהֵמָה לְפִיכָךְ אָמַר הַכָּתוּב תִּסָּקֵל דְרִיבֶּער האָט דִי תּוֹרָה גִיזָאגְט מֶען זָאל דִי בְּהֵמָה אוֹיךְ פַאר שְׁטֵיינֶען. דָּבָר אַחֵר נָאךְ אַזַאךְ וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין, דְרִיבֶּער דאַרְף מֶען הַרְגֶענֶען דִי בְּהֵמָה שֶׁלֹּא תְּהֵא בְּהֵמָה עוֹבֶרֶת בַּשּׁוּק וָועִן דִי בְּהֵמָה וֶועט גֵיין אִין גַאס וְיֹאמְרוּ זוֹ הִיא שֶׁנִּסְקַל פְּלוֹנִי עַל יָדָהּ וֶועט מֶען זָאגִין דָאס איז דִי בְּהֵמָה וָואס אַמֶענְטְשׁ איז דוּרְךְ אִיר פַאר שְׁטֵיינְט גִיוָוארִין, דְרִיבֶּער האָט דִי תּוֹרָה גִיזָאגְט מֶען זָאל דִי בְּהֵמָה אוֹיךְ פַאר שְׁטֵיינֶען, מֶען זָאל נִיט דֶער מָאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוּנ נִיט דִי בְּהֵמָה: ה הַמְגַדֵּף אֵינוֹ חַיָּב עַד שֶׁיְּפָרֵשׁ הַשֵּׁם דֶער וָואס לֶעסְטֶערְט גָאט איז אַנְדֶערְשׁ נִיט חַיָּב סְקִילָה, סַיידִין עֶר זָאל אַרוֹיס רֵיידִין דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט אוּנ זָאל אִיהם לֶעסְטֶערִין, אָבֶּער אַז עֶר הֶערְט פוּן איין אַנְדֶערִין דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט אוּנ עֶר לֶעסְטֶערְט אִיהם, קוּמְט אִיהם נִיט סְקִילָה, אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה גִיזָאגְט בְּכָל יוֹם דָּנִין אֶת הָעֵדִים בְּכִינּוּי אַלֶע טָאג וָואס בֵּית דִין קְלֶערִין אִין דֶעם דִין אוּנ דאַרְפִין הֶערִין פוּן דִי עֵדוּת ווִי אַזוֹי עֶר האָט גִילֶעסְטֶערְט גָאט, אוּנ דִי עֵדוּת טָארִיף דָאךְ נִיט זָאגִין, ווִי אַזוֹי זָאלִין דִי עֵדוּת זָאגִין בֵּית דִין זָאלִין פַאר שְׁטֵיין ווִי דִי מַעֲשֶׂה איז גִיוֶועִן הֵייסְט מֶען דִי עֵדוּת זֵיי זָאלִין נִיט אַרוֹיס רֵיידִין דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט, נָאר זֵיי זָאלִין זָאגִין איין אַנְדֶער נָאמֶען אוּנ בֵּית דִין וֶועט שׁוֹין פַאר שְׁטֵיין וָואס זֵיי מֵיינֶען זֵיי זָאלִין זָאגִין דֶער מֶענְטְשׁ האָט גִיזָאגְט יַכֶּה יוֹסֵי אֶת יוֹסֵי יוֹסֵי זָאל שְׁלָאגִין יוֹסֵי, אוֹיף דֶעם שֵׁם הוי"ה זָאגִין דִי עֵדוּת יוֹסֵי, ווייל דֶער שֵׁם הוי"ה איז פִיר אוֹתִיּוֹת אוּנ דֶער וָוארְט יוֹסֵי איז אוֹיךְ פִיר אוֹתִיּוֹת אוּנ נָאךְ אַטַעַם ווייל יוֹסֵי בְּטְרֶעפְט זֶעקְס אוּנ אַכְצִיג אוּנ אֱלֹהִים בְּטְרֶעפְט אוֹיךְ זֶעקְס אוּנ אַכְצִיג נִגְמַר הַדִּין אַז בֵּית דִין הָט שׁוֹין אוֹיף גִיהֶערְט צוּ קְלֶערִין, אוּנ זֵיי דאַרְפִין הַרְגֶענֶען מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶענֶען לֹא הוֹרְגִים בְּכִינּוּי אַזוֹי לַאנְג ווִי בֵּית דִין האָט גִיהֶערְט פוּן דִי עֵדוּת איין אַנְדֶער נָאמֶען, נִיט דֶעם שֵׁם הוי"ה, טָארִין זֵיי נִיט הַרְגֶענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אֶלָּא מוֹצִיאִים כָּל אָדָם לַחוּץ נָאר אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גִיוֶועִן אִין בֵּית דִין שְׁטוּב, הייסְט מֶען אַרוֹיס גֵיין וְשׁוֹאֲלִין אֶת הַגָּדוֹל שֶׁבָּהֶן אוּנ מֶען פְרֶעגְט פְרִיֶער דֶעם גְרֶעסְטִין עֵדוּת וְאוֹמְרִים לוֹ אוּנ מֶען זָאגְט צוּ

מה ששמעת בפירוש, והוא אומר והדיינים [פ] עומדים על רגליהם וקורעין ולא מאחין והשני אומר אף אני [צ] כמוהו והג' אומר אף אני כמוהו: ו העובד ע"ג א' העובד וא' הזובח וא' המקטר וא' [ק] המנסך ואחד המשתחוה ואחד המקבלו עליו לאלוה והאומר לו אלי אתה, אבל המגפף והמנשק והמכבד והמרבץ והמרחיץ והסך והמלביש והמנעיל עובר בל"ת, הנודר בשמו והמקיים בשמו עובר בל"ת. הפוער עצמו לבעל פעור זו היא עבודתו. הזורק אבן [ר] למרקולים

שהשם שאמרתי לפניכם קלל וזו קלל כלומר מזכיר שם בן ד' אותיות ואומר בשם הזה הזכיר המגדף וקלל בו כלומר יכה יוסי את יוסי, ולא ידעתי למה לא כתבו הר"מ כ"מ, ול"נ דהר"מ ס"ל דגמרא דידן פליג וקושית הירושלמי לא קשיא דמיירי דהוה אמחיקת שם בכיתוב דכך לוהה התורה היכא דא"א בלא"ה, עתוי"ט: [פ] עומדין כו' וקורעין ולא מאחין. בגמרא ילפינן כ"ז מקראי (שופטים ג' ומ"ב י"ח) והא דלא תנן שהעדים קורעים לפי שכבר קרעו בשעה ששמעו ושוב אין חייבים (כדילפינן מקרא): [צ] כמיהו. ס"מ דכשר בד"מ ובד"נ ומעלה הוא דעביד רבנן והכא כיון דלא אפשר אוקמוהו רבנן אדאורייתא דאי ס"ד פסול הכא משום דא"א קטלינן לגברא בתמיה, גמרא: [ק] המנסך. ובכללו נמי זורק כדכתיב בל אסיך נסכיהם מדם, גמרא ועתוי"ט: (י) תרגום ויחבק לו ונגפף לו, הר"מ: (יא) אם אלהן, רש"י: (יב) נשבע מתרגם מקיים, רש"י: (יג) וכ"כ הר"מ דאלו במזיד ולחיוב מיתה א"א דהא מוטעה הוא, כ"מ. ודעת רש"י דחייב מיתה במזיד כיון דהתכו בו, ועתוי"ט: [ר] למרקולים. מלדדים ג'

דגלאי הוא להשמיע ברכת השם לרבים: וקורעין ולא מאחין. עולמית הפירה הלכסנדרית שאין הקריעה נכרת. אבל שאר תפירות מותר: אף אני שמעתי כמוהו. ואינו צריך להזכיר ברכת שם בשם: והשלישי אומר. אתיא כמאן דאמר מה שנים עדות אחת. אף שלשה עדות אחת: ו א' העובד ע"ג. בדבר שדרך עבודתו בכך: וא' הזובח וכו'. ואע"פ שאין דרך עבודתה באחד מד' עבודות הללו. חייב. וכל שאר עבודות חוץ מאלו. אינו חייב עד שיעבוד כדרך עבודתה: והמקבלו עליו לאלוה. אפי' באמירה בעלמא. דאתקש לזביחה. דכתיב (שמות לב) וישתחוו לו ויזבחו לו ויאמרו אלה אלהיך: והאומר לו כו'. בפניו ואתא סיפא לגלויי רישא דאי תנא רישא ה"א ה"מ בפניו אבל שלא בפניו לא תנא סיפא בפניו מכלל דרישא שלא בפניו ואפ"ה חייב: והמגפף. מחבק (י): עובר בל"ת. לא תעבדם יתירה כתיב: הנודר בשמו. קונם עלי כל פירות שבעולם בשם ע"ג פלוני (יא): המקיים. נשבע (יב): עובר בל"ת. ושם אלהים אחרים לא תזכירו (שם כג): הפוער עצמו. מתריז רעי לפניו: זו היא עבודתו. ואפי' נתכוין לבזותו. הואיל וזו היא עבודתו חייב חטאת (יג): והזורק אבן למרקולים. שעובדים אותו בזריקת אבנים. והמסלק אבן מלפניו נמי חייב. שעובדים אותו נמי בסלוק אבנים:

---

איהם אמור מה ששמעת בפירוש דוא זאלסט ריכטיג ארוים ריידין וואס דוא האסט געהערט והוא אומר אונ ער זאגט והדיינים עומדין על רגליהם וקורעין אונ די דיינים שטייען אויף זייערע פיס אונ צו רייסין זייערע קליידער ולא מאחין אונ טארין ניט צו נייען נאר אביסול צו ציהען מיט אפארים מעג מען [ניט איצט נאר שפעטער] והשני אומר אונ דער אנדערער עדות זאגט אף אני כמוהו איך האב אויך געהערט ווי ער זאגט, אויב עס איז דא אדריטער עדות והשלישי אומר זאל דער דריטער זאגין אף אני כמוהו איך האב אויך געהערט ווי ער זאגט: ו העובד עבודת כוכבים אז איינער האט געדינט עבודת גלולים אחד העובד סיי ער האט געדינט די עבודת גלולים אזוי ווי מען דינט צו איהר ואחד הזובח ואחד המקטר ואחד המנסך ואחד המשתחוה אונ סיי ער האט געשאכטין אקרבן צו דיא עבודת גלולים, אדער ער האט געריכערט קטורת, אדער ער האט גיגאסין וויין, אדער ער האט זיך געבוקט צו די עבודת גלולים, אפילו די עבודת גלולים דינט מען ניט מיט די פיר זאכין, פון דעסט וועגין דארף מען אים פאר שטיינען ואחד המקבלו עליו לאלוה אדער ער נעמט די עבודת גלולים אויף זיך פאר אגאט, ער זאגט יענע עבודת גלולים איז מיין גאט, אפילו די עבודת גלולים שטייט ניט נעבין איהם והאומר לו אלי אתה אדער ער שטייט ביי די עבודת גלולים, אונ ער זאגט צו די עבודת גלולים דו ביסט מיין גאט, דארף מען איהם פאר שטיינען אבל המגפף אבער אז ער נעמט ארום די עבודת גלולים מיט די הענט והמנשק אדער ער קושט די עבודת גלולים והמכבד ער קערט אפ דעם ארט ווא די עבודת גלולים שטייט עס זאל זיין ריין והמרביץ ער שפריצט וואסער אויף דעם ארט ווא די עבודת גלולים שטייט, עס זאל ניט ארויף גיין דער שטויב אויף די עבודת גלולים והמרחיץ ער וואשט אפ די עבודת גלולים זיא זאל זיין שיין והסך ער שמירט דיא עבודת גלולים מיט בוימאייל והמלביש ער טוהט אהן קליידער אויף דיא עבודת גלולים והמנעיל ער טוהט אן שיך אויף דיא פיס פון דיא עבודת גלולים, אז מען טוהט איינע פון דיא זאכין עובר בלא תעשה איז מען עובר אויף אלאו, הנודר בשמו אז ער טוהט אנדר אין נאמען פון די עבודת גלולים, ער זאגט למשל אויב איך וועל מיך היינט וואשין זאל אויף מיר אסור זיין הנאה צו האבין פון אלע פירות פון דער וועלט אזוי וויא דער קרבן פון דיא עבודת גלולים והמקיים בשמו אדער ער שווערט ביא דעם נאמען פון עבודת גלולים עובר בלא תעשה איז ער עובר אויף אלאו הפוער עצמו לבעל פעור אז ער האט גערייניגט דעם בויך פון צואה געבין דיא עבודת גלולים בעל פעור זו היא עבודתה אזוי דינט מען די עבודת גלולים, דריבער אפילו ער האט ניט געמיינט צו דינען נאר צו פאר מיאוסין די עבודת גלולים מיט זיינע צואה, פון דעסטוועגין דארף ער בריינגען אקרבן חטאת, הזורק אבן למרקולים אז ער האט געווארפין אשטיין צו די עבודת גלולים

מרקולים

זו היא עבודתו: ז [ט] הנותן מזרעו למולך אינו חייב עד שימסור למולך ויעביר באש מסר למולך ולא העביר באש העביר באש ולא מסר למולך אינו חייב עד שימסור למולך ויעביר באש. בעל אוב זה [ת] פיתום המדבר משחיו. וידעוני זה המדבר בפיו, הרי אלו בסקילה, והנשאל בהם באזהרה: ח המחלל את השבת [א] בדבר שחייבין על זדונו כרת ועל שגגתו חטאת, והמקלל אביו

מרקולים. חלוף השבח. מר לשון חלוף הוא. כמו במר דכנתא. במר דשחוטה. קלוס שבח: זו היא עבודתו. ואפי' נתכוין לבזותו חייב חטאת: ז שימסור למולך. מוסרו ביד הכומרים: ויעביר באש. מעבירו אצל זה לצד זה (יד): עד שימסור ויעביר באש. שנאמר (ויקרא יח) לא תתן להעביר וכתיב התם (דברים יח) לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש. מה העברה האמורה שם באש. אף העברה האמורה כאן באש: אוב זה פיתום. לוקח גולגלת של מת לאחר שנתעכל הבשר ומקטיר לה ושואל ממנה עתידות והיא משיבה(טו): והמדבר (טז) משחיו. ויש שעושים שישיב המת דרך בית השחי (יז): וידעוני. חיה שמה ידוע וצורתה כצורת אדם בפנים וידים ורגלים. והיא מחוברת בטבורה לחבל היוצא מן השורש שנשרש בארץ שמשם חיות'. וכשרוצים לגוד אותה מורים בחצים אל החבל עד שהוא נפסק והיא מתה מיד (יח)והיא קרוי' בל' חכמים ברנש דטור: והנשאל בהם. שבא ושואל בהם להגיד לו דבר העתיד כגון שאול: באזהרה. דאל תפנו אל האובות (יט):

אבנים אחת מכאן ואחת מכאן ואחת מלמעלה על גביהן וקורין אותו מרקולים, רש"י: (יד) שעברה זו אינה שרפה כמו שמשל הפון רב למאד אבל עיקרו הוא כשהיו מבעירין אש והיו מלהטין אותו לשם אותו הפסל הידוע שהיו עובדין אותו בכך הוא הנקרא למולך והיה אוחז אחד מבניו ונתן אותו ביד המשמש בעסק אותו הנעבד והיה מעבירו על האש מצד זה לצד זה סר"מ ועתוי"ט: [ט] הנותן. משמע ליה לתנא נתינה הכאה לכלל העברה ולא משמע ליה נתינה ע"מ להעביר לאיזוים על נתינה לחודיה, רש"י: [ת] פיתום. שם המכשף, רש"י: (טו) ואין זה דורש אל המתים לפי שדורש אינו עושה מעשה אלא כדתניא ודורש כו' זה המרעיב עצמו והולך ולן בבית הקברות כדי שתשרה עליו רוח טומאה פרש"י של בית הקברות יהא אוהבו ומסייעו בכשפיו, והר"מ כתב כדי שיודיעהו המת בחלום מה ששאל עליו: (טז) וכ"מ בגמ' דתרתי נינהו: (יז) ל' רש"י מעלה המת מן הארץ ומשיב לו בשחי אחת זרועותיו ומדבר משחי: (יח) עפ"מ דכלאים מ"ס ובגמ' ידעוני זה המניח עצם ידוע בפיו והוא מדבר מאליו (ע"י כשפים): (יט) ואזהרה דמכשפים גופייהו מלא ימצא בך, רש"י ועתוי"ט: [א] בדבר כו'. מכלל דאיכא מידי דחלול שבת הוי ואין חייבין לא חטאת ולא כרת מאי ניהו תחומין ואליבא דר"ע הבערה ואליבא דרבי יוסי דאמר ללאו יצאה: סיטרים

מרקולים זו היא עבודתו אזוי דינט מען דיא עבודת גלולים, דריבער אפילו ער האט ניט גימיינט צו דינען נאר צו ווארפין אויף איהר שטיינער, פון דעסטוועגין דארף ער ברייננען אקרבן חטאת: ז הנותן מזרעו למולך אז ער גיט אקינד פון זיינע קינדער צו דער עבודת גלולים מולך אינו חייב עד שימסור למולך ויעביר באש איז ער אנדערש ניט חייב סיידין ער זאל געבין דאס קינד צו דיא כומרים, און דער כומר גיט צוריק דאס קינד צום פאטער, און דער פאטער אליין זאל טראגין דאס קינד צווישען צוויא פייערין וואס איז אן גיצונדין גיווארין צו די עבודת גלולים [עתי"ט ות"י] מסר למולך ולא העביר באש אז דער פאטער האט דאס קינד גיגעבין צום כומר, און דער פאטער האט ניט גיטראגין דאס קינד צווישען דיא צוויא פייערין העביר באש ולא מסר למולך אדער דער פאטער האט גיטראגין דאס קינד צווישען דיא צוויא פייערין נאר ער האט איהם ניט גיגעבין פריער צו דיא כומרים אינו חייב איז דער פאטער ניט חייב עד שימסור למולך ויעביר באש סיידין פריער זאל ער געבין דאס קינד צו דיא כומרים, און דער כומר זאל איהם דאס קינד צוריק געבין, און ער זאל טראגין דאס קינד צווישען די צוויא פייערין פון איין עק ביז צום אנדערין עק בעל אוב זה פיתום אז מען מאכט כישוף מיט אוב דאס מיינט מען אזוי וויא דער מכשף פיתום האט גיטאהן, ער האט גינומען אקאפ פון אמת, דער נאך וויא דיא פלייש פון קאפ איז פאר פוילט גיווארין, און עס איז נאר געבליבען דיא ביינער, און ער האט גירייכערט צום קאפ מיט אזעלכע קרייטער, און ער האט גיפרעגט ביים דעם קאפ וואס ער האט גיוואלט און דיא קאפ האט גיענטפערט המדבר משחיו און דער וואס נעמט ארויס אמת פון קבר, און נעמט איהם אונטערין ארעם, און דער מת ענטפערט פון אונטערין ארעם וואס מען פרעגט ביים איהם וידעוני זה המדבר בפיו דאס איז אחיה וואס איהר נאמען איז ידוע, זיא זעהט אוים אזוי וויא אמענטש, מיט דעם פנים און מיט די הענט און מיט די פיס, נאר פון די ערד איז ארוים גיוואקסין אזוי וויא אלאנגער שטריק, און דער שטריק איז בהעפט צו איהר נאפיל, און מען קען ניט צו גיין צו די חיה ווייל זיא ווארפט איהר גיפט אויף דעם מענטש און פאר ברענט איהם, און אז מען וויל איהר פאנגען שיסט מען מיט פיילין אין דעם שטריק, ביז דער שטריק ווערט צו ריסען, פיינגערט זיא באלד, און אז מען נעמט אריין אין מויל אביינדיל פון דיא חיה, דורך כישוף, רעט דער ביינדיל, און ענטפערט וואס מען פרעגט ביים איהם הרי אלו בסקילה די מענטשין וואס טוהען די זאכין קומט זייא סקילה והנשאל בהם און דער מענטש וואס פרעגט ביים דעם מכשף ער זאל איהם זאגין וואס עס וועט זיין באזהרה איז ער עובר אויף אלאו: ח המחלל את השבת אז איינער טוהט אמלאכה אום שבת דארף מען איהם פאר שטיינען, וועלכע מלאכה בדבר שחייבין על זדונו כרת ועל שגגתו חטאת אזוי אמלאכה אז מען טוהט במזיד [נאר אן עדות] קומט איהם כרת, און אז ער טוהט בשוגג דארף ער ברייננען אקרבן חטאת, אויב עס

[ג] פוסלים. בגמ' יליף ליה מקרא. ומפוי"ט: (כ) זו דברי ר"מ דקטנה אין לה קנס דנער' דוקא ולא קטנה אבל חכמים בנחנקי עליו חנוקין עלי' אף לאן דלא מיעט הכ' אלא בוגרת גמ': (כא) בפ"ו דיבמות אמרינן בלא כדרכה לכל עריות והא דכלם בסקילה נאו כ"ע ה"ס: [ג] הראשון כו'. כבנא עליה לדרכה, הר"מ. וק"ל מאי קמ"ל פשיטא בתולה תנן ורש"י פי' כגון שבאו עליה שלא לדרכה הראשון בסקילה דמשכבי אשה כתיב והשני בחנק דבעול' היא והא סתמא רבי היא דאמר שלא כדרכה נפקא לה מכלל בתולה כו': (כב) דמיתה כתיבה ביה וסתם מיתה אינה אלא חנק, גמרא: (כג) דגמרינן הדחה הדחה מנדיח ולא גמרינן הדחה הדחה ממסית דדנין מסית רבים ממסית רבים ואין דנין מסית רבים ממסית יחיד וכי תימא דנין הדיוט מהדיוט ואין דנין הדיוט מנביא כיון שהוא אין לך הדיוט גדול מזה, גמרא: [ד] כל כו'. כלומר שכל חייבי מיתות לריכין התראה, רב"י. וחוץ מזו כלומר חוץ ממיתה זו. והר"מ העתיק חוץ מזה: (כד) דמתרגמינן ולא לו וכמן ליה, רב"י: [ה] לשנים. יהד הן עלמן נעשו עדים וא"ל להתרות בו כשאר חייבי מיתות אלא מביאין אותו לב"ד כדכתיב לא תחמול ולא תכסה עליו, רב"י:

ואמו אינו חייב עד שיקללם בשם. קללם בכינוי ר"מ מחייב, וחכמים [ב] פוטרין: ט הבא על נערה המאורסה אינו חייב עד שתהא נערה בתולה מאורסה והיא בבית אביה. באו עליה שנים, [ג] הראשון בסקילה והשני בחנק: י המסית זה הדיוט המסית את ההדיוט אמר לו יש יראה במקום פלוני כך אוכלת כך שותה כך מטיבה כך מריעה. [ד] כל חייבי מיתות שבתורה אין מכמינין עליהן חוץ מזו. אמר [ה] לב' והם עדיו מביאין אותו לב"ד וסוקלין אותו אמר לא' [ו] הוא אומר יש לי חברים רוצים בכך אם היה ערום

ח עד שיקללם בשם. בא' מן השמות המיוחדים: קללם בכנוי. רחום חנון ארך אפים: ט עד שתהא נערה. ולא קטנה (כ) פחותה מבת י"ב שנה ויום אחד ולא בוגרת שעברו עליה י"ב שנה וששה חדשים ויום אחד: בתולה. ולא בעולה ואם נבעלה שלא כדרכה עדיין בתולה היא. ואפי' באו עליה י' בני אדם כלם שלא כדרכה כלם בסקילה (כא): מאורסה. ולא נשואה: והיא בבית אביה. שאם מסר האב לשלוחי הבעל הבא עליה אח"כ אינו בסקילה אלא בחנק: י זה הדיוט שהסית. דוקא הדיוט שהסי'. שנביא המסי' מיתתו בחנק (כב): והמסית את ההדיוט. לאו דוקא שלא מצינו חילוק בין מסית את ההדיוט למסית את הנביא אלא למעוטי מסית את הרבים. כגון מדיחי עיר מישראל שמיתתן בחנק (כג): מכמינין. לשון מארב (כד): אם

[ו] והוא אומר. הגירסא לריך להסיתו יש לי חברים כו', רב"י:

איז דא עדות פאר שטיינט מען איהם המקלל אביו ואמו אז איינער פלוכט זיין פאטער אדער זיין מוטער אינו חייב עד שיקללם בשם איז ער אנדערש ניט חייב סיידין ער זאל זייא פלוכין מיט דעם נאמען פון גאט דהיינו ער האט געזאגט צום פאטער אדער צו דיא מוטער דער הויה זאל דיך הרגנן אדער ער האט געזאגט אלהים זאל דיך הרגנן, אונ אזוי איז אז ער האט זייא געפלוכט איין אנדער קללה מיט דעם נאמען אל, שדי, אדני קללם בכינוי אז ער האט זייא גיפלוכט מיט אנאמען פון די מדות פון גאט, מיט רחום, אדער חנון, אדער אנדערע מדות דהיינו ער האט גיזאגט רחום זאל דיך הרגנן רבי מאיר מחייב רבי מאיר זאגט מען דארף איהם פאר שטיינען וחכמים פוטרין און די חכמים זאגין מען דארף איהם ניט פאר שטיינען: ט הבא על נערה המאורסה אז ער האט מזנה גיוועזן מיט אבתולה וואס איינער האט איר מקדש גיוועזן אינו חייב עד שתהא נערה בתולה מאורסה והיא בבית אביה איז ער אנדערש ניט חייב סקילה סיידין זיא איז א נערה, זי איז אלט פון צוועלף יאהר מיט אטאג ביז נאך זעקס חדשים [אבער אז זי איז יונגער ווי צוועלף יאהר מיט אטאג, אדער זיא איז עלטער וויא צוועלף יאהר מיט זעקס חדשים, קומט ניט סקילה] אונ נאר אז זיא איז גיוועזן אבתולה ווען ער האט מיט איר מזנה גיוועזן, אונ נאר אז איינער האט איר מקדש גיוועזן איידער זיא האט מזנה גיוועזן, אונ נאר אז זיא איז נאך גיוועזן בייא איר פאטער אין שטוב, אבער אז דער מענטש וואס האט איר מקדש גיוועזן האט געשיקט אשליח זיא זאל קומען צו אים חתונה האבין. אונ דער פאטער האט איר שוין אוועק גיגעבין צום שליח, דער נאך האט זיא מזנה גיוועזן, קומט ניט סקילה נאר חנק באו עליה שנים אויב צוויי מענטשין האבין מיט איר מזנה גיוועזן הראשון בסקילה דעם ערשטין דארף מען פארשטיינען והשני בחנק אונ דעם אנדערין דארף מען דערשטיקען: י המסית זה הדיוט שהסית אז איינער האט אנגירעט דעם אנדערין ער זאל דינען עבודת גלולים, אונ דער וואס האט אנגירעט איז גיוועזן אפראסטער מענטש, ניט אנביא והמסית את ההדיוט אונ ער האט אנגירעט איין מענטשין [עס איז קיין אונטערשיד ווער דער מענטש איז נאר] ניט אגאנצע שטאט, קומט אים סקילה, ווי אזוי האט ער אים אנגירעט אמר לו ער האט גיזאגט צו אים יש יראה במקום פלוני עס איז דא אעבודה גלולים אויף יענעם ארט כך אוכלת אזוי עסט זיא כך שותה אזוי טרינקט זיא כך מטיבה אזעלכע טובות טוט זיא כך מריעה אזעלכע רעות טוט זיא כל חייבי מיתות שבתורה אלע מענטשין וואס די תורה זאגט אויף זייא, אז עס קומט זייא מיתה אויף זייערע עבירות אין מכמינין עליהם בעהאלט מען ניט די עדות אויף זייא חוץ מזו נאר בייא דיא עבירה, וואס איינער רעט אן זיין חבר ער זאל דינען עבודת גלולים בעהאלט מען די עדות זיי זאלין הערין וואס מען רעט אמר לשנים אז איינער [ראובן] האט גיזאגט צו צוויי מענטשין זיי זאלין דינען עבודת גלולים הן עדיו זענען זיי די עדות מביאין אותו לבית דין זיי ברענגען אים צו בית דין וסוקלין אותו אונ זיי פאר שטיינען אים אמר לאחד אז דער מענטש [ראובן] האט גיזאגט צו איינעם [שמעון] ער זאל דינען עבודת גלולים הוא אומר זאל שמעון זאגין צו ראובן יש לי חברים רוצים בכך איך האב

היה המסית ערום ואינו יכול לדבר בפניהם. כלו' או' לניסת שאינו יכול לדבר בפניהם מפני יראת ב"ד: ביחוד. כלומר אין איש עמנו ויכול אתה לומר עתה מה שאמרת לי בכבר: האומר אעבוד. באחד מכל הלשונות הללו הוי מסית וחייב (כה): המדיח. ואם מדיח את הרבים (כו) הוא אינו חייב עד שיאמר בלשון רבים נלך ונעבוד: יא העושה מעשה. ממש בסקילה: ולא האוחז את העינים. מראה לבריות כאילו עושה ואינו עושה כלום (כז): שנים וכו'. במכשפות בפניו אחד מהן לוקט וחייב מיתה. וחברו לוקט ופטור מן המיתה. כילד. העושה מעשה שלקט ממש

ואינו יכול לדבר בפניהם מכמינין לו [ז] עדים אחורי הגדר והוא אומר לו אמור מה שאמרת לי ביחוד והלה אומר לו והוא אומר לו היאך נניח את אלהינו שבשמים ונלך ונעבוד עצים ואבנים אם חוזר בו מוטב ואם אמר כך הוא חובותינו וכך יפה לנו העומדים אחורי הגדר מביאין אותו לב"ד וסוקלין אותו. האומ' אעבוד[ח]אלך ואעבוד[ט]נלך ונעבוד. אזבח אלך ואזבח. נלך ונזבח. אקטיר אלך ואקטיר נלך ונקטיר. אנסך אלך ואנסך נלך ונסך. אשתחוה אלך ואשתחוה נלך ונשתחוה. המדיח זה האומר נלך ונעבוד ע"ג: יא המכשף העושה מעשה חייב ולא האוחז את העינים, [י] ר"ע אומר משום רבי יהושע שנים לוקטין קישואין א' לוקט

[ז] עדים. ולא סגי בחד ואותו שאומר לו כיון שמקילין בהכמנה מסתמא"כ כשאר מיתות ב"ד ומש"ה נמי ביחיד ל"ל לו היאך נניח כו': (כה) דהיינו שאמר אעבוד אני בתחלה ואתה אחרי כ"מ, והקשו דבגמרא מוכח דבניסת האומר איירי כלומר שנתרצה לו חייב אף הניסת ואפי' לא עבד ול"ד לניסת מעצמו דצריך שיעבוד ועתוי"ט: [ח] אלך כו'. שמחום' הניכם אף דאיכא למימר אדהכי הדר ביה. רש"י: [ט] נלך. אע"פ שכלל עצמו עם אחרים דאיכא למימר הני אחרים לא אזלי ואיהו נמי לא ליזול. רש"י: (כו) וטעמא סדהו דבסקילה דגמרינן הדהם ממסית ואל תקשה דלגמר מנדיח דהן סייפא דכבר דס"ל דנדיח נמי בסקילה ורש"י (ומדיח עיר ונדח) בחנק כ"מ סוף כדאיתא בגמ': [י] רע"א. לכאורה ר' דר"ע לאפלוגי אתא ואיכא למימר דלת"ק אוחז מעמא מסקילה ולא ממלקות דחייב משום לא תעוננו ופליג ר"ע ואמר פטור אף ממלקות אבל בגמרא מוכח דלאו לפלוגי וגם לת"ק פטור אבל אסור ול"ק ליפלג דר"ע אומר דטובא איכא כוותים ועתוי"ט: (כז) כלומר שאותו מעשה שנראה לבני אדם שעושה לא משאו בהמת אלא שנדמה להם כך אבל ודאי שעושה מעשה נאחז העינים. כ"מ:

נאך הכרים וואס ווילען דינען עבודת גלולים אם היה ערום אויב דער אנדערער (ראובן) איז אקלוגער ואינו יכול לדבר בפניהם אונ ער קען ניט ער האט מורא צו רעדין פאר זיי, טאמער טעלין זייא ווערין עדות אויף איהם מכמינין לו עדים אחורי הגדר זאל מען בעהאלטין עדות אינטער די וואנט והוא אומר לו אונ שמעון זאגט צו דעם אנדערער ראובן אמור מה שאמרת ביחוד זאג וואס דוא האסט מיר אמאהל גיזאגט פון די עבודת גלולים דינען, מיר זענען דאך דא ביידע אליין, דארפסטו דאך ניט מורא האבין והלה אומר לו אונ דער אנדערער זאגט צו איהם וואס ער האט אמאהל גיזאגט צו איהם והוא אומר לו אונ ער ענטפערט איהם היאך נניח את אלהינו שבשמים ונלך ונעבוד עצים ואבנים ווי אזויא זאלין מיר אוועק לאזין אונזער גאט וואס אין הימעל אונ מיר זאלין גיין דינען האלצער אונ שטיינער אם חוזר בו אויב דער אנדערער האט חרטה הרי זה מוטב איז גוט ואם אמר כך הוא חובותינו אונ אויב ער זאגט אזוי דארפין מיר טאהן וכך יפה לנו אונ אזוי איז בעסער פאר אונז העמדין מאחורי הגדר די עדות וואס שטייען אינטער די וואנט מביאין אותו לבית דין ברייגען איהם צו בית דין וסוקלין אותו אונ פאר שטייגען איהם האומר אעבוד אבער אז שמעון איז איבער גירעט גיווארין פון ראובן אונ ער האט גיזאגט מיט איינעם פון די לשונות וואס דא שטייט אין דער משנה איז שמעון אויך חייב סקילה, דהיינו ער האט גיזאגט איך וועל דינען עבודת גלולים אדער ער זאגט אלך ואעבוד איך וועל גיין דינען עבודת גלולים אדער ער זאגט נלך ונעבוד מיר וועלין גיין דינען עבודת גלולים, אדער ער זאגט אזבח איך וועל שעכטין צו די עבודת גלולים אדער ער זאגט אלך ואזבח איך וועל גיין שעכטין צו די עבודת גלולים, אדער ער זאגט נלך ונזבח מיר וועלין גיין שעכטין צו דיא עבודת גלולים, אדער ער זאגט אקטיר איך וועל רייכערין קטורת צו די עבודת גלולים אדער ער זאגט אלך ואקטיר איך וועל גיין רייכערין קטורת צו די עבודת גלולים אדער ער זאגט נלך ונקטיר מיר וועלין גיין רייכערין קטורת צו דיא עבודת גלולים, אדער ער זאגט אנסך איך וועל גיסין וויין צו די עבודת גלולים אדער ער זאגט אלך ואנסך איך וועל גיין גיסין וויין צו די עבודת גלולים אדער ער זאגט נלך ונסך מיר וועלין גיין גיסין וויין צו די עבודת גלולים. אדער ער זאגט אשתחוה איך וועל מיך בוקין צו די עבודת גלולים אדער ער זאגט אלך ואשתחוה איך וועל גיין מיך בוקין צו די עבודת גלולים אדער ער זאגט נלך ונשתחוה מיר וועלין גיין אונז בוקין צו די עבודת גלולים המדיח אונ אויב ער פארשטויסט פיל מענטשין זייא זאלין דינען עבודת גלולים זה האומר נלך ונעבוד כוכבים מוז ער זאגין צוא זייא מיר וועלין גיין דינען עבודת גלולים: יא המכשף אז איינער מאכט כישוף העושה מעשה אז ער טוהט אזאך מיט דעם כישוף חייב קומט איהם סקילה ולא האוחז העינים אבער דער וואס פאר בלענד דיא אויגין, עס זעהט אויס ווי ער האט עפעס גיטאן אונ אין אמת האט ער גאר ניט גיטאהן, קומט איהם ניט סקילה, רבי עקיבא זאגט פון רבי יהושע'ס וועגין שנים לוקטין קישואין צוויי מכשפים האבין געקליבען פלוצערין פון פעלד מיט כישוף

בכשפים חייב. והאוחז את העיניס הראה לנו כאילו נתקבלו כלן למקום א׳ והקשואים לא זזו ממקומן: פטור מן המיתה: פטור וא׳ לוקט חייב. העושה מעשה חייב האוחז את העינים פטור:

אחד לוקט פטור איינער קלויבט אונ איז פטור עס קומט איהם ניט סקילה ואחד לוקט חייב אונ איינער קלויבט אונ עס קומט איהם סקילה העושה מעשה חייב דער מכשף וואס האט טאקי אויס געריסין די פלוצערין אונ האט זיי צו זאמען גילייגט, אלץ מיט כישוף, קומט איהם סקילה האוחז את העינים אבער אז די פלוצערין זענען נאר ניט אויסגעריסין גיווארין פון זייער ארט, עס איז נאר אפאר בלענדונג, עס דוכט זיך אז אלע פלוצערין זענען צו זאמען גיקומען אויף ציין ארט פטור קומט אים ניט סקילה:

## רש״י

ויך את המצרי. מסוס דהכה איש עברי: מוקש אדם ילע קודש. המוקש את האדם היינו ישראל שקרוין אדם דכתיב ואתנה לאני לאן מרעיתי אדם אתם אתם קרויס אדם וכו׳: ילע קדש. כאלו לועה את הקדש כלו׳ סוטר על לועו: סוטר. מכה: ואם לא ולקחתי בחזקה. בבני עלי כתיב שהיו תוקפים בשר הזבחים ואומרים אם לא תתן לי אקח בחזקה דהיינו כמרים ידו שהיו מגזמים להכות: וזרועו רמה. הרגיל לרום ידו על חבירו: קץ ידרא. אדם א׳ שהיה רגיל להכות את חבירו וקנסו בכך

## גמרא סנהדרין דף נח ע״ב

הלכה ה׳ כלס כלי סמילון דגלא דמלכות דכריאס בם

אמר ר׳ חנינא כותי שהכה את ישראל חייב מיתה שנאמר ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי. וא״ר חנינא הסוטר לועו של ישראל כאלו סוטר לועו של שכינה, שנאמר מוקש אדם ילע קודש. אמר ריש לקיש המגביה ידו על חבירו אע״פ שלא הכהו נקרא רשע, שנא׳ ויאמר לרשע למה תכה רעך, למה הכית לא נאמר, אלא למה תכה. אע״פ שלא הכהו נקרא רשע. אמר זעירי א״ר חנינא נקרא חוטא, שנאמר ואם לא לקחתי בחזקה וכתיב ותהי חטאת הנערים גדולה מאד. רב הונא אמר תקצץ ידו שנא׳ וזרוע רמה תשבר. רב הונא קץ ידא. רבי אלעזר אומר אין לו

אמר רבי חנינא כותי שהכה את ישראל חייב מיתה רבי חנינא זאגט אויב צבותי האט גישלאגין איוד קומט דעם כותי מען זאל אים הרגנן שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ווען משה רבינו האט גיזעהן ווי דער מצרי האט גישלאגין אַיוד ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי האט משה זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטין אונ ער האט גיזעהן אז קיינער זעהט ניט האט ער ניהרגת דעם מצרי ואמר רבי חנינא נאך האט רבי חנינא גיזאגט הסוטר לועו של ישראל כאלו סוטר לועו של שכינה דער וואס פאטשט די באק פון איוד איז גלייך וויא ער וואלט געפאטשט די באק פון די שכינה שנאמר מוקש אדם ילע קודש ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס שטרוכילט אמענטש וואס ווערט גירופין אדם, ער שלאגט איוד וואס איוד ווערט גירופין אדם) איז גלייך ווי ער וואלט געשלאגין די הייליגע שכינה אמר ריש לקיש המגביה ידו על חברו ריש לקיש זאגט אז איינער הייבט אויף זיין האנט אויף זיין חבר ער זאל אים שלאגין אף על פי שלא הכהו נקרא רשע אפילו ער האט אים ניט גישלאגין, פון דעסטוועגין ווערט ער גירופין א רשע שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ווען משה רבינו האט גיזעהן צוויי מענטשין קריגען אונ איינער הייבט אויף די האנט אונ וויל שלאגין זיין חבר ויאמר לרשע למה תכה רעך האט משה גיזאגט צו דעם רשע פאר וואס ווילסטו שלאגין דיין חבר למה הכית לא נאמר עס שטייט ניט אין פסוק משה האט גיזאגט צום רשע פאר וואס האסטו גישלאגין דיין חבר (ווייל ער האט אים נאך ניט גישלאגין) אלא למה תכה נאר עס שטייט משה האט גיזאגט צוא אים פאר וואס ווילסטו שלאגין דיין חבר, פון נאגען האט משה געוואוסט אז ער וויל אים שלאגין, ווייל ער האט גיזעהן וויא ער האט אויפגעהויבין די האנט צום שלאגין אף על פי שלא הכהו נקרא רשע אפילו ער האט איהם נאך ניט נישלאגין פון דעסטוועגין ווערט ער גירופין רשע אמר רבי זעירי אמר רבי חנינא נקרא חוטא רבי זעירי זאגט רבי חנינא האט גיזאגט דער מענטש וואס הייבט אויף זיין האנט אונ וויל שלאגין זיין חבר ווערט ער גירופין חוטא, זינדיגער שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק ביי די קינדער פון עלי זייא פלעגין קומען צו די מענטשין וואס האבין געברייגט קרבנות אונ האבין גיזאגט צו איהם גיב מיר פלייש צו בראטין ואם לא לקחתי בחזקה אונ אויב דוא וועסט ניט געבין וועל איך נעמען מיט שטארקייט, ער וועט איהם שלאגין אונ וועט אוועק נעמען פון איהם די פלייש וכתיב ותהי חטאת הנערים גדולה מאד אונ עס שטייט אין פסוק די זינד פון די קינדער פון עלי איז גיוועזן זייער גרויס, האט מען זייא גערופין זינדיגערס רב הונא אמר תקצץ ידו רב הונא זאגט דער מענטש וואס הייבט אויף זיין האנט אויף זיין חבר ער זאל איהם שלאגין וועט זיין האנט אפגעהאקט ווערין שנאמר וזרוע רמה תשבר ווארום עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס הייבט אויף זיין האנט צו שלאגין זיין חבר וועט זיא צו בראכין ווערין רב הונא קץ ידא רב הונא האט אפגעהאקט די האנט

הקנה אלא קבורה שנאמר ואיש זרוע לו הארץ. וא"ר אלעזר לא ניתנה קרקע אלא לבעלי זרועות, שנא' ואיש זרוע לו הארץ. ואמר ריש לקיש מ"ד עובד אדמתו ישבע לחם, אם עושה אדם עצמו כעבד לאדמה ישבע לחם, ואם לאו לא ישבע לחם. ואמר ריש לקיש גוי ששבת חייב מיתה, שנאמר יום ולילה לא ישבותו. ואמר מר אזהרה שלהן זו היא מיתתן. אמר רבינא אפילו בשני בשבת, וליחשבה גבי שבע מצות, כי קא חשיב שב ואל תעשה קום עשה לא קא חשיב והא דינין קום עשה הוא וקא חשיב קום עשה ושב ואל תעשה

כדאמר בפרקין דלעיל בית דין מכין ועונשין שלא מה"ת לעשות סייג וגדר לדבר: איש זרוע. איש שתקיף זרוע: לו הארץ. מתוקנת לקבורה כלו' ראוי להמיתו ולקברו: לא נתנה קרקע. כלומר אין ראוי (לקנות) קרקע אלא לבני זרוע מפני שהתגר רבה ע"י קרקע שבאות בהמות ומפסידות וגנבים באים וגונבין ועוררין עליו וצריך שיהא חזק לעמוד כנגדן: כעבד לארמה. לעסוק בה תמיד לחרישה והשקאה וניכוש ועידור: עכו"ם ששבת. ממלאכתו יום שלם חייב מיתה שנא' יום ולילה לא ישבותו וקא דריש לא ישבותו ממלאכה דאבני אדם כמי קאי ולא תימא לא ישבותו ההך שאת עתים דקרא קאי כלומר לא יבטלו ולא יפסקו מלהיות. פשיטא ל"ג דהא טובא קא משמע לן דאבני אדם קאי: אמר רבינא אפי' בשני בשבת. לא תימא שביתה דקאמר ריש לקיש לשם חובה קאמר דלא לכוין לשבות כגון בשבת שהוא יום שביתה לישראל או אחד בשבת ששובתים בו האומות אלא מנוחה בעלמא קא אסר להו שלא יבטלו ממלאכה אפי' יום שאינו בר שביתה שני בשבת יומא קמא דלאו יום בר שבית' נקט וה"ה דהוה מצי למנקט ג' וד': קום עשה לא חשיב. והאי לא ישבותו קום עשה מלאכה היא: והא דינין קום עשה. משפט הוא וקא חשיב ומשני קום עשה ושב ואל תעשה היא קום עשה משפט ושב ואל תעשה עול אפי' אינו מצוה לעשות משפט והוא יושב ובטל מוזהר הוא שלא לעשות עול ואזהרת לא תעשה עול אינה קום עשה משפט אלא להודיה קיימא שב ותבטל מלא תעשה עול אבל אזהרת לא תשבות ע"כ אינה אלא קום עשה: מורשה לנו. ולא להם ואיכא משום

פון אַמענטש וואס איז גיוועזן געוואהנט צוא שלאגין מענטשין רבי אלעזר אמר אין לו תקנה אלא קבורה רבי אלעזר זאגט דער מענטש וואס איז געוואהנט צוא שלאגין מענטשין האט ער קיין אנדער תקנה נאר מען זאל איהם הרגנן אונ בגראבין שנאמר ואיש זרוע לו הארץ ווארום עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס הייבט אויף זיין האנט צו שלאגין מענטשין פאר איהם איז גע־מאכט גיווארין דיא ערד, מען זאל איהם הרגנן אונ בגראבין אין דיא ערד ואמר רבי אלעזר לא ניתנה קרקע אלא לבעלי זרועות רבי אלעזר זאגט צוא קויפין פעלדער איז נאר גיגעבין גיווארין צו די שטארקע מענטשין וואס קענען שלאגין מענטשין, ווייל דער וואס האט פעלדער מוז שטענדיג האבין קריג, אמאהל קומען פרעמדע בהמות אין פעלד אונ צוטרעטין אדער עסין דיא תבואה, אמאהל קומען גנבים אין פעלד אונ ווילען גנבנן תבואה, מוז מען זיך קריגען אדער שלאגין מיט די גנבים אדער מיט די בעלי בתים פון די בהמות שנאמר ואיש זרוע לו הארץ ווארום עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס קען אויפהייבין אהאנט צום שלאגין צו איהם פאסט ער זאל קויפין ערד ואמר ריש לקיש מאי דכתיב עובד אדמתו ישבע לחם ריש לקיש זאגט וואס מיינט דער פסוק דער וואס ארבעט דיא ערד וועט ער זיין זאט מיט ברויט אם עושה אדם עצמו כעבד לאדמה אויב דער מענטש מאכט זיך ווי אקנעכט צו דיא ערד, ער זאל אקערין אונ זייען אונ בגיסען מיט וואסער ווען עס איז ווייניג רעגין אונ אויסרייסין די שלעכטע גראז אונ נאך אזעלכע ארבעט ישבע לחם וועט ער זיין זאט מיט ברויט ואם לאו אונ אויב ער וועט ניט אזוי טאן לא ישבע לחם וועט ער ניט זיין זאט מיט ברויט ואמר ריש לקיש נאך האט ריש לקיש גיזאגט גוי ששבת חייב מיתה אויב אנעציג־דינער האט גירוהט פון זיין ארבעט פיר אונ צוואנ־ציג שעה מיט איין מאל קומט איהם מיתה שנאמר יום ולילה לא ישבותו ווארום עס שטייט אין פסוק אטאג מיט אנאכט זאלין זיי ניט רוהן ואמר מר אזהרה שלהן זו היא מיתתן אונ דער תנא האט גיזאגט אז מען האט גיבאטין צו אנעציגדינגער אזאך וואס ער זאל טאן אונ ער האט ניט גיטאן, אדער מען האט איהם גיבאטין ער זאל ניט טאן אונ ער האט יא גיטאן קומט איהם מיתה אמר רבינא אפילו בשני בשבת רבינא זאגט אפילו דער געצינדינגער האט גירוהט מאנ־טאג אדער איין אנדער טאג אין דר וואך קומט איהם אויך מיתה, פרעגט די גמרא וליחשבה גבי שבע מצות זאל מען דעם דין רעכענען מיט די זיבען מצות וואס דער געצינדינגער איז גיבאטין גיווארין, ענטפערט די גמרא כי קא חשיב שב ואל תעשה קום ועשה לא קא חשיב מען רעכינט נאר זיבען מצות וואס דער געצינדינגער איז גיבאטין ער זאל ניט טאן, אבער דיא מצות וואס ער איז גיבאטין ער זאל יא טאן רעכינט מען ניט, פרעגט די גמרא והא דינין קום עשה הוא וקא חשיב דינים איז דאך אמצוה וואס מען דארף יא טאן, מען דארף פסקנן אדין, אונ מען רעכינט דאס צו די זיבען מצות וואס די געצינדינגער זענען גיבאטין גיווארין, ענטפערט די גמרא קום ועשה ושב ואל תעשה נינהו דינים זענען צוויי מצות דו זאלסט טאן אמשפט אונ זאלסט ניט טאן אומרעכט, אונ ווייל דינים זענען אויך מען זאל ניט טאן, מען זאל ניט טאן אומרעכט, דריבער רעכינט מען דינים מיט די זיבען מצות וואס די געצינדינגער זענען גיבאטין גיווארין, אבער יום ולילה לא ישבותו, וואס דיא געצינדינגער זענען גיבאטין גיווארין אז זיי מוזין שטענדיג ארבעטין, איז דאך דאס אמצוה

גזל כדמפרש׳ מורשה מאורסה. אמוראי איכא דדרשי להו גבי ע״ה בפרק אלו עוברין: מיגזל קא גזל לה. דהא קא חשיב גזל וכן נערה המאורסה דהא בכלל גילוי עריות הוא: האדם. ר״מ לית ליה אתם קרויין אדם ואין הכותים קרויים אדם ור״ש הוא דדרש לה במס׳ יבמות: בשבע מצות דידהו. עוסקין בהלכות אותן שבע מצות להיות בקיאין בהן:

תעשה נינהו. וא״ר יוחנן כותי שעסק בתורה חייב מיתה, שנאמר תורה צוה לנו משה מורשה. לנו מורשה ולא להם. וליחשביה גבי שבע מצות. מ״ד מורשה מיגזל קא גזיל לה, מ״ד מאורסה דינה כנערה המאורסה דבסקילה. מיתיבי היה ר״מ אומר מנין שאפילו כותי ועוסק בתורה שהוא ככה״ג שנאמר אשר יעשה אותם האדם וחי בהם כהנים לוים וישראלים לא נאמר אלא האדם הא למדת שאפי׳ כותי ועוסק בתורה הרי הוא ככה״ג התם בשבע מצות דידהו:

נאר צום טאן דאס רעכינט מען ניט צו די זיבען מצות זייערע ואמר רבי יוחנן כותי שעוסק בתורה חייב מיתה רבי יוחנן זאגט אז אכותי לערינט תורה קומט אים מיתה שנאמר תורה צוה לנו משה מורשה ווארום עס שטייט אין פסוק די תורה האט אונז גיבאטין משה אונ האט זיא אונז גיגעבין אירושה לנו מורשה ולא להם דאס איז נאר אירושה פאר אונז יודין אונ ניט צו די כותים, פרעגט די גמרא וליחשבה גבי שבע מצות זאל מען דאס רעכענען צו די זיבען מצות וואס די כותים זענען גיבאטין גיווארין, ענטפערט די גמרא מאן דאמר מורשה מיגזל קא גזיל לה דער וואס זאגט אז מען דארף לייענען אין פסוק תורה צוה לנו משה מורשה, די תורה האט משה גיבאטין צו אונז אונ האט זיא אונז גיגעבין אירושה, איז דאך די תורה אונזערע דריבער אז אכותי לערינט תורה גזלת ער דאך די תורה פון אונז, אונ איינע פון די זיבען מצות איז דאך אז אכותי טאר ניט גזלען מאן דאמר מאורסה דינה כנערה המאורסה דבסקילה אונ דער וואס זאגט מען זאל לייענען מאורסה, די תורה איז ביי אונז ווי א אשה וואס מען האט איר מקדש גיוועזן, אזוי האבין די יודין מקדש גיוועזן די תורה, דריבער אז אכותי לערינט תורה האט ער דאך דעם דין ווי איינער וואס איז מזנה מיט א אשה וואס איין אנדערער האט איר מקדש גיוועזן, קומט דאך אים בסקילה ומען זאל אים בעווארפין מיט שטיינער ביז מען וועט אים הרגנן) אונ דאס איז דאך שוין גירעכינט אין די זיבען מצות וואס מען האט גיבאטין צו די כותים זיי זאלין ניט מזנה זיין, זאגט די גמרא מיתיבי איך וועל דיר פרעגין אקשיא מיר האבין גילערינט היה רבי מאיר אומר מנין שאפילו כותי ועוסק בתורה שהוא ככהן גדול רבי מאיר פלעגט זאגין פון וואנען ווייסין מיר אז אפילו אכותי לערינט תורה איז גלייך וויא ער וואלט גיוועזן אכהן גדול שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק אשר יעשה אתם האדם וחי בהם דאס זענען די מצות וואס אמענטש זאל זייא טאן וועט ער לעבין דורך זייא כהנים לוים וישראלים לא נאמר עס שטייט ניט אין פסוק דאס זענען די מצות וואס כהנים לוים ישראלים וועלין זיי טאן אלא האדם נאר עס שטייט וואס אמענטש וועט זיי טאן, וועלכער מענטש עס וועט טאן די מצות וועט ער לעבין דורך זיי, אפילו אכותי אויך הא למדת שאפילו כותי ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול לערנען מיר דאך פון דעם פסוק אפילו אכותי לערינט תורה איז גלייך וויא אכהן גדול לערינט תורה, איז דאך אקשיא אויף רבי יוחנן, ענטפערט די גמרא התם בשבע מצות דידהו אז די כותים לערנען די תורה פון זייערע זיבען מצות זענען זיי גלייך וויא אכהן גדול אבער אז ער לערינט אנדערע תורה קומט אים מיתה:

**זוהר** שלח דף קעה ע״ב . ס״ת דאלינות יוד הא ואו הא

אמר רבי יהודה כמה סהדי עביד קב״ה לאסהדא בהו בבני נשא וכלהו בעיטא ובסהדותא קיימין לקבליה. קם בצפרא אושיט רגלוי למהך. סהדיא קיימין לקבליה מכריזין ואמרין (שמואל א ב) רגלי חסידיו ישמור וגו׳. (קהלת ד) שמור רגלך כאשר תלך. (משלי ד) פלס מעגל רגלך. אפתח עינוי לאסתכלא בעלמא סהדיא אמרי (שם) עיניך לנכח יביטו. קם למללא סהדיא אמרי (תהלים לד) נצור לשונך מרע וגו׳. אושיט ידוי במלי עלמא סהדיא אמרי (שם) סור מרע ועשה טוב. אי ציית להו יאות. ואי לא כתיב (זכריה ג) והשטן עומד על ימינו לשטנו כלהו סהדין עליה בחובוי לעילא. אי בעי ב״נ לאשתדלא בפולחנא דקב״ה כלהו סהדין סניגורין קמיה וקיימין לאסהדא עליה טבאן בשעתא דאצטריך ליה. קם בצפרא מברך כמה ברכאן. אנח תפילין ברישיה בין עינוי בעי לזקפא רישיה חמי שמא קדישא עלאה אחיד ורשים על רישיה ורצועין תליין מהאי גיסא ומהאי גיסא על לביה. הא אסתכל ביקרא דמאריה. אושיט ידוי חמי ידא אחרא מתקשרא בקשורא דשמא קדישא אהדר ידיה ואסתכל ביקריה דמאריה אתעטף בעטופא דמצוה בארבע זויין דכסותיה ארבע מלכין נפקין לקדמות ארבע. ארבע סהדי קשוט דמלכא תליין מארבע זויין ותליין בהו כענבים באתכלא. מה אתכלא דאיהו חד ותליין ביה כמה ענבים מהאי סטר ומהאי סטר כך האי מצוה חדא ותליין ביה כמה ענבין וזגין ונזורין צריכין בהו. שבעה רהיטין אלין אינון שבעה צרירין דתכלתא דבעי לכרכא ביה בכל חד וחד. או לאסגאה עד תליסר מאן דיוסיף לא יוסיף עלייהו על תליסר מאן דימעט לא ימעט משבעה. ותאנא האי תכלת הוא רזא דדוד מלכא ודא הוא דאברהם דזכה ביה לבניי בתרוי מאי תכלת תכלית דכלא (ודאי) רבי יהודה אומר כסא הכבוד אקרי. רבי יצחק אמר שבעה כריכן דאיהי שכינתא שביעאה דכלא ודאי דהא היא מתברכא משיתא אחרנין על ידא דצדיק ואי תלת עשר תלת עשר אינון כמה דאוקמוה בתלת עשר מכילן והאי היא פתחא דכלהו. והוא חוטא חד ורשימא

ירושלם בגוונהא וגוונא דילה כפיק מחד גונא דאזיל ביה כנרת וכנרת על שמה אתקרי ועל דא כנור הוה תלוי לעילא מערסא דדוד דהא (דה"ד) ודאי איהו כנור דדוד מנגן מאליו למלכא קדישא עלאה ובג"כ גווני עייל עד רקיעא ומרקיעא עד כורסייא והכא כתיב מצוה כד"א (מלכים ב יח) מצות המלך הוא (אסתר ג) מדוע אתה עובר את מצות המלך. כי מצות המלך:

## הלכה פסוקה

### הר"מ הלכות תפלה פרק ט.

(א) אחר שישלים כל התפלה ישב ויפול על פניו ויטה מעט הוא וכל הצבור ויתחנן והוא נופל וישב ויגביה ראשו הוא ושאר העם ומתחנן מעט בקול רם מיושב. ואח"כ יעמוד שליח צבור לבדו ואומר קדיש פעם שנית. והם עונין כדרך שעונין בתחלה ואומר והוא רחום וכו' תהלה וכו'. הוא עומד והם יושבים והם קוראים עמו. ואחר כך אומר ובא לציון גואל וכו' ואני זאת בריתי וכו' ואתה קדוש וקרא זה אל זה ואמר קדוש וכו' וגומר הקדושה והם עונין קדוש

## יוסף לחק

## מוסר

### משערי תשובה לר"י דף ע"א.

דבר שלמה הע"ה בענין ימי הזקנה שלא יתבלבל אדם בהם מעבודת הש"י ואמר בבקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך כי אינך יודע אי זה יכשר הזה או זה ואם שניהם כאחד טובים המשיל ימי הילדות והשחרות לבקר וימי הזקנה לערב והורה דרך משל לבנים ולתלמידים כמו שאחז"ל נשא אשה בילדותו ישא אשה בזקנותו העמיד תלמידים בילדותו יעמיד תלמידים בזקנותו כי אולי יצליחו בני הזקונים בתורה ובמצות יותר מבני הנעורים וכן התלמידים אשר יעמיד בזקנותו אולי יצליחו מן הראשונים או יהיו כאחד טובים. אחרי כן אמר ומתוק האור וטוב לעינים לראות את השמש פי' חזר לדבר על ימי הזקנה שהמשיל אותם לערב

---

(א) אחר שישלים כל התפלה נאכדעם ווי מען האט אפגעדאוונט שמונה עשרה ישב ויפול על פניו ויטה מעט הוא וכל הצבור זאל דער חזן און אלע מענטשין אין שוהל זיצען און לייגן זייער פנים (אויף די האנט) און זיין איינגעבויגן אביסול אוף אזייט ויתחנן והוא נופל און זאל בעטין זייגע תחנונים אזוי ווי ער ליגט (אויף די האנט) איינ־געבויגין וישב ויגביה ראשו הוא ושאר העם נאכדעם זאל דער חזן און אלע מענטשין אויפזיצען און אויפהייבין די קעפ ומתחנן מעט בקול רם מיושב. און זאלין זאגין נאך אקליינע תפלה אביסול העכער און זיצענדיג ואחר כך יעמוד שליח צבור לבדו נאכדעם זאל נאר דער חזן אליין אויפשטיין ואומר קדיש פעם שנית און ער זאגט נאך אמאהל קדיש והם עונים כדרך שעונים בתחלה און די מענטשין ענטפערין אמן יהא שמיה רבא ווי זיי האבין פריער געענטפערט ואומר והוא רחום תהלה לדוד און דער חזן זאגט והוא רחום און אשרי תהלה לדוד הוא עומד והם יושבים דער חזן שטייט און אלע מענטשין זיצען והם קוראים עמו און זיי זאגין צו זאמען מיט דעם חזן ואחר כך אומר נאכדעם זאגט דער חזן ובא לציון גואל ואני זאת בריתי ואתה קדוש וקרא זה אל זה ואמר קדוש וגומר הקדושה און ער זאגט די

דבר שלמה המלך עליו השלום בענין ימי הזקנה שלמה המלך האט געשמועסט אין ספר קהלת וועגין דעם מענטש אז ער קומט צו די אלטע יאהרין שלא יתעצל האדם בהם מעבודת השם יתברך זאל ער ניט זיין פויל (אפגעשוואכט) פון צו דינען צו הקב"ה ואמר בבקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך און שלמה האט געזאגט אין דער פריה זאלסטו זייען דיין זייהונג און פארין נאכט זאלסטו ניט אפלאזין דיין האנט כי אינך יודע איזה יכשר הזה או זה ואם שניהם כאחד טובים ווארום דוא ווייסט ניט וועלכע פאר זייהונג עס וועט גוט זיין, די וואס דוא האסט געזייט אין דער פריה אדער די וואס דוא האסט געזייט פארין נאכט אדער ביידע צו זאמען וועלין גוט זיין המשיל ימי הילדות לבקר שלמה האט פאר־גליכט די יונגע יאהרין פון דעם מענטש צום טאג באלד אין דער פריה וימי הזקנה לערב און די טעג פון דער אלטער האט ער פארגליכט צום טאג פארין נאכט והורה דרך משל לבנים ותלמידים און דאס פארזייהונג איז אמשל אויף קינדער און אויף תלמידים כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה ווי די רבנן האבין געזאגט אין דיא מסכת (יבמות דף סה) נשא אשה בילדותו ישא אשה בזקנתו אז איינער האט געהאט אווייב אין זיין יוגענד און זיא איז געשטארבין אדער ער האט זיא גט אפילו ער איז שוין אויף די אלטער, פון דעסטוועגין זאל ער נעמען נאך אמאל אווייב העמיד תלמידים בילדותו יעמיד תלמידים בזקנותו אויב ער האט געלערנט מיט תלמידים אין זיין יוגענד, זאל ער פון דעסטוועגין לערנען מיט תלמידים ווען ער איז שוין אלט כי אולי יצליחו בני הזקונים בתורה ובמצות יותר מבני הנעורים טאמער די קינדער וואס דוא וועסט האבין אויף דיין אלטער וועלין קענען בעסער לערנען און וועלין טאהן מער מצות ווי די קינדער וואס דוא האסט געבארין אין דיין יוגענד וכן התלמידים אשר יעמיד בזקנתו אולי יצליחו מן הראשונים ביי תלמידים איז אויך אזוי טאמער דיא תלמידים וואס דוא וועסט מיט זיי לערנען אויף דייגע אלטע יאהרין וועלין קענען בעסער לערנען ווי די תלמידים וואס דוא האסט מיט זיי געלערנט אין דיינע יונגע יאהרין או יהיו כאחד טובים אדער אלע קינדער און אלע תלמידים צו זאמען וועלין גוט זיין, פון דיין יוגענד און פון דיין עלטער אחרי כן אמר נאך דעם האט שלמה געזאגט ומתוק האור וטוב לעינים לראות את השמש די ליבטיגקייט איז זיס און גוט צו די אויגען צו זעהן די זונן פי' חזר לדבר על ימי הזקנה שהמשיל אותם לערב שלמה האט אנגעהויבין

ומפני כי הזקן לא יטעם את אשר יאכל ואת אשר ישתה כדברי ברזלי הגלעדי אמר כי יש לו לזקן ליהנות במאור השמש ואל תקצר נפשו עליו כי קוצר הנפש מונע את האדם ממלאכת שמים ויערב לו האור כאשר יערכנו לעומת ימי החושך הבאים כאשר יזכר במקרא אשר למשה מזה כי אם שנים הרבה יחיה האדם בכלם ישמח ויזכור את ימי החשך כי הרבה יהיו כל שבא הבל פי' גם כי יזקין האדם מאד אל יהי על עצמו למשא אך בכל שנותיו ישמח למען לא יאבד א' משנותיו ולא ישבת מעבודת הבורא ויזכור ימי החשך כי הרבה יהיו ואז לא יוכל לעבוד עבודה כהנין שנאמר בשאול מי יודע לך והצדיקים מתגברים בזקנתם ויאזרו חיל ויחליפו כח לעבודת ה', כמו שארז"ל ח"ס

קדוש קדוש ג' פעמים וחוזר וקורא הקדושה תרגום ואומר ותשאני רוח וגו' וקורא אותו תרגום ואומר ה' ימלוך לעולם ועד וקוראה תרגום כדי להבין העם: (ב) ואלו הפסוקים שלפני הקדושה ושל אחריה עם תרגומן הם הנקראים סדר קדושה ואח"כ מתחנן בדברי תחנונים ופסוקי רחמים ואומר קדיש וכל העם עונים בדרכם ונפטרים:

נאך אמאהל שמועסין פון די אלטע יאהרין פון דעם מענטש וואס ער האט נייא געגליכען צו פארין נאכט ומפני כי הזקן לא יטעם את אשר יאכל ואת אשר ישתה אונ ווייל איין אלטער מאן שפירט שוין קיין טעם אין זיין עסין וואס ער עסט אונ ניט אין זיין טרינקען וואס ער טרינקט כדברי ברזילי הגלעדי ווי ברזילי האט גיזאגט אמר כי יש לו לזקן ליהנות במאור השמש דריבער האט שלמה המלך גיזאגט איין אלטער מאן קען הנאה האבין פון די ליכטיגקייט פון די זונן ער דארף זיך פרייען מיט דעם וואס גאט שיינקט איהם זיין לעבין אונ ער קען נאך זעהן דיא וועלט] ואל תקצר נפשו עליו אונ ער זאל זיך ניט מצער זיין אויף דעם וואס אנדערע פערגעניגונגס פון דער וועלט וואס ער האט געהאט אין דער יוגענד פעלין איהם שוין איצט, ער זאל זיך נאר פרייען מיט דיא ביסול הנאה וואס איהם איז געבליבען צו האבין פון דער וועלט כי קוצר הנפש מונע את האדם ממלאכת שמים [ווארום די טרויעריקייט פון דעם מענטש האלט איהם אפ פון צו דינען הקב"ה ויערב לו האור כאשר יערכנו לעומת ימי החשך הבאים אז ער וועט זיך פארשטעלין דאס ליכטיגקייט פון דער וועלט געגין דיא פינסטערע טעג וואס וועלין צו איהם קומען נאך זיין שטארבין, וועט איהם יעדער טאג זיין זיס די ליכטיגקייט כאשר יזכר במקרא אשר למשה מזה ווי עס ווערט דערמאנט פון דעם שטארבין אין דעם אנדערין פסוק וואס נאך דעם פסוק כי אם שנים הרבה יחיה האדם בכלם ישמח אפילו דער מענטש וועט לעבין פיל יאהרין אונ אין אלע יאהרין וועט ער זיך פרייען ויזכור את ימי החשך כי הרבה יהיו כל שבא הבל אז ער וועט זיך אבער דערמאנען דיא פינסטערע טעג וואס וועלין צו איהם קומען וויא פיל זיי וועלין זיין, וועט ער זעהן אז אלע שמחות וואס זענען אויף איהם געקומען איז אלץ נאר ניט

קדושה [קדוש קדוש קדוש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו] והם עונין קדוש קדוש קדוש ג' פעמים אונ די מענטשין זאגין אויך דריי מאהל קדוש [וויא דער חזן האט גיזאגט] וחוזר וקורא הקדושה תרגום נאכדעם זאגט ער נאך אמאהל די קדושה אויף תרגום [ומקבלין דין מן דין וויעס שטייט אין סדור] ואומר נאכדעם זאגט ער דעם פסוק ותשאני רוח ואשמע אחרי קול רעש גדול ברוך כבוד ה' ממקומו וקורא אותו תרגום אונ ער זאגט נאך אמאהל דעם פסוק אויף תרגום ונטלתני רוחא [וויעס שטייט אין סדור] ואומר נאכדעם זאגט ער דעם פסוק ה' ימלוך לעולם ועד וקוראה תרגום כדי להבין העם אונ ער זאגט נאך אמאהל דעם פסוק אויף תרגום ה' מלכותיה קאם לעלם ולעלמי עלמיא, אלע זאלין פארשטיין די קדושה וואס דער חזן האט גיזאגט תערה [ווארום אין יענע צייט איז גיוועזן די שפראכע וואס יודין האבין צווישין זיך גירעט נאר תרגום אונ לשון קודש האבין זיי ניט גיקענט דריבער יעדער זאך וואס מען האט געדארפט אלע זאלין וויסען האט מען דאס גיזאגט מיט תרגום לשון, למשל יקום פורקן, קדיש, כל חמירא, הא לחמא, אונ נאך אזעלכע זאכען]: (ב) ואלו הפסוקים שלפני הקדושה ושל אחריה עם תרגומן אונ די פסוקים וואס מען האט גיזאגט פאר דיא קדושה פון ואתה קדוש, אונ די פסוקים וואס מען זאגט נאך די קדושה ופון ה' אלהי אברהם ביז קראנו] הם הנקראים סדר קדושה דאס ווערט גערופין סדר קדושה ואחר כך מתחנן בדברי תחנונים ופסוקי רחמים נאכדעם זאגט מען דיא פסוקים פון תחנונים אונ בקשות [ברוך הוא אלהינו, אונ ווייטער ביז ויאדיר] ואומר קדיש וכל העם עונין בדרכן ונפטרין נאכדעם זאגט דער חזן קדיש אונ אלע ענפערין אמן יהא שמיה רבא, אונ עס איז שוין אפגעראווינט:

פירוש גם כי יזקין האדם מאד אל יהי על עצמו למשא אפילו דער מענטש ווערט שטארק אלט פין דעסטוועגין זאל ער ניט זיין אויף זיך אליין אמשא ער זאל ניט פארמיאוסין זיין לעבין אך בכל שנותיו ישמח נאר ער זאל זיך פרייען מיט זיינע אלע יאהרין למען לא יאבד אחד משנותיו ער זאל ניט פארלירען איין טאג פון זיינע יאהרין ולא ישבות מעבודת הבורא עס זאל איהם ניט שטערין פון צו דינען גאט ויזכור ימי החשך כי הרבה יהיו ער זאל געדיינקען אז דיא פינסטערע טעג וועלין זיין פיל ואז לא יוכל לעבוד עבודה דאמאלס וועט ער שוין ניט קענען דינען גאט כענין שנאמר בשאול מי יודה לך וויא עס שטייט אין פסוק אין גרוב וועט ווער וועט דיך לויבין והצדיקים מתגברים בזקנותם צדיקים אז זיי ווערין אלט

כל זמן שמזקינים חכמה מתוספת בהם שנאמר עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו :

שטארקין זייא זיך נאך מעהר צו טאהן מצות אונ מעשים טובים אונ לערנען תורה ויאזרו חיל ויחליפו כח לעבודת ה׳ זייא שטארקין זייערע קרעפטין אונ טאהשין אום זייערע שוואכע כחות אויף שטארקע נאר צו דינען גאט כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים חכמת מתוספת בהם וויא דיא חכמים האבין גיזאגט תלמידי חכמים וואס עלטער זייא ווערין ווערט פארגרעסערט זייער חכמה שנאמר וויא עס שטייט אין פסוק עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו דיא צדיקים וועלין זיין פרוכטבאר אויף דער עלטער זייא וועלין זיין פעט אונ פייכט :

## שלח יום ה תורה: אינקלום

להמשיך מת״ת דו״א יהוה נפש י יה יהו יהוה רוח יוד הא ואו הא נשמה יהוה חיה יחידה ה דמלוי ההה אל שם ב״ן שבעשית בניקוד חולם:

כב ויעלו בנגב ויבא עד־חברון ושם אחימן ששי ותלמי ילידי הענק וחברון שבע שנים נבנתה לפני צען מצרים : כג ויבאו עד־נחל אשכל ויכרתו משם זמורה ואשכול

כב וסליקו בדרומא ואתא עד חברון ותמן אחימן ששי ותלמי בני גבריא וחברון שבע שנין אתבניאת קדם טאנים דמצרים: כג ואתו עד נחלא דאתכלא וקצו מתמן עוברתא

ת״א ויעלו בנגב. סוטה לד: ושם אחימן. יומא י סוטה לד: וחברון שבע שנים נבנתה. כתובות קיב סוטה לד :

### רשב״ם

(כב) ויבא עד חברון, אגדה נראית פשט שעל כלב אמר הכתוב שנאמר ולו אתן את הארץ אשר דרך בה והביאותיו אל הארץ אשר בא שמה וזרעו יירשנה. לפיכך ויבא עד חברון הוא כלב ונשתטח על קבורת אבות והתפלל שינצל

### שפתי חכמים

ג דאל״כ למה הלך לשם להתפלל ולא התפלל במקום אחר אלא ע״כ משום קברי אבות: ס ופרש״י (סוף כתובות) מבונה ז׳ פרי מצ׳ ואבנה גם אנכי ממנה ושנים מצ׳ בונים כלומר פעמים פי׳ כי שבע פעמים היתה חברון טובה מצוען מצרים: ע מקשים סעולם וכלא אף לפי פשוטו של קרא קשה נמי מה בא להודיעך וי״ל דדברי רש״י הם כמו והשתא א״ש דלפי פשוטו קשה מאי נ״מ ששבע שנים נבנתה אבל לפי המדרש א״ש שבא להודיעך כו׳: פ טרשין סלעים פי׳ ארץ יבשה ואין עושה פירות כארץ לחה:

### רש״י

(כב) ויבא עד חברון. (סוטה לד) כלב לבדו הלך שם ונשתטח על קברי אבות שלא יהא ניסת לחבריו להיות בעצתם נ וכה״א (דברים א) ולו אתן את הארץ אשר דרך בה וכתיב (שופטים א) ויתנו לכלב את חברון: שבע שנים נבנתה. (סוטה לד) אפשר שבנה חם את חברון לכנען בנו הקטן קודם שיבנה את צוען למצרים בנו הגדול אלא שהיתה מבונה ס בכל טוב על אחד משבעה בצוען וכא להודיעך ע שבחה של ארץ ישראל שאין לך פ טרשין בארץ ישראל יותר מחברון לפיכך הקצוה לקברות מתים ואין לך מעולה בכל הארצות כמצרים שנא׳ (בראשי׳ יג) כגן ה׳ כארץ מצרים וצוען היא המעולה שבארץ מצרים ששם מושב המלכים שנא׳ (ישעי׳ ל) כי היו בצוען שריו והיתה חברון טובה ממנה שבעה חלקים: (כג) זמורה. סוכת גפן ואשכול של ענבים

### פירוש לתורת אלהים

